STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04790

UNTER DER SHTERN-HUPEH

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible
by Irving & Zlatta Fein and Zena Wolfe

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מײַן פֿידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969
בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971
מיט דער לידער־טאָרבע (לידער), מאָנטרעאַל, 1973
אין מײַן געפֿאַלנקייט (לידער), ניו־יאָרק, 1975
מיט צוגענייגטע רייד (לידער), ניו־יאָרק, 1977
די פֿלייט פֿון מײַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל, 1978
די ליפּן פֿון מײַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979
פֿיר איילן עלנטקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1980
אַ רגע רו געפֿינען (לידער) 1981
בײַ דער חלום־מולטער (לידער) 1983

ליבער קע־
אַל דאָס גוטס.
מ.מ. שאַפּיר

מ.מ. שאַפּיר

אונטער דער שטערן־חופּה

•

מאָנטרעאַל 1984

M. M. Shaffir

Unter der Shtern-Chuppe
(Under the Canopy of Stars)

Poems

All the expenses for this publication have been covered by a grant from the Minister of Multiculturalism, for which I express my deepest gratitude.

The views expressed in this book do not necessarily reflect the position and policy of the Government of Canada.

M. M. Shaffir (Schachter)

אַ דאַנק דעם מאָלער לוי מיהלשטאָק פֿאַר דער צייכענונג אויפֿן טעוועלע, פֿונעם ביכל.

דעם מוזיקער דוד באָטווינִיק אַ האַרציקן דאַנק: ער האָט פֿאַר מיר פֿאַרשריבן די מוזיק פֿון די צוויי פֿאָלקלאָרלידער בײַם סוף.

אויך סענדערלען (באָטווינִיק) אַ דאַנק: ער האָט מיר געהאָלפֿן אין דער קאָרעקטור.

גלאָסאַר — בײַם סוף

א.

„אויפֿן הימל זע איך
שטערנדלעך...“

איך דאַוון

איך דאַוון אינעם סידור פֿון די פֿעלדער —
אַ גוטע האַנט האָט עס מיר אויפֿגעמישט.
די אותיות נאַרן נישט און שווינדן נישט.

איך זוך און איך געפֿין אין מאָך נקודות,
נאָר ס'רירט נישט אָן מײַן האַנט דאָס סידור — ניין,
זיי שטייען דאָרטן, ווו זיי דאַרפֿן שטיין.

איך דאַרף דאָ נישט קיין קול און נישט קיין ליפּן,
איך דאַוון נישט קיין ווערטער אָן אַ צאָל —
איך דאַוון צענער תּפֿילות אויף אַ מאָל.

די ביימער און די קוסטן זענען אותיות.
איך דאַוון און דאָס טײַכל שעפּטשעט מיט.
אַ דאַנק דיר, טײַכל — ווײַטער גיי איך ניט.

דער וואַלד איז דאָ אַ גרינער מקום־קדוש,
מיט שבֿועות־גרינס באַהאָנגען און באַצירט —
און אָפֿן שטייט פֿאַר אַלעמען די טיר.

נישט גיי אַרײַן אָן פֿריידיקן געציטער.
האַלט אײַן דעם אָטעם, אַז דו גייסט אַרײַן —
אַהער קומט גאָט אַליין מתפּלל זײַן.

נעם מיט מיט זיך דײַן זאַק מיט מאַטערנישן —
דאָ ווערט ער גרינגער, ווי אין טײַך אַ שטיין,
און עמעץ, דאַכט זיך, הערט דאָ דײַן געוויין.

כ׳וואָלט געדאַרפֿט געבוירן ווערן

כ׳וואָלט געדאַרפֿט געבוירן ווערן
טויבער פֿון אַ וואַנט,
כ׳זאָל נישט הערן ווי אַ פֿידל
גייט מיר נאָך פֿון לאַנד צו לאַנד.

מיט דערמיט פֿליט אום דאָס ווינטל
פֿאַזע טײַך און וואַלד
און פֿאַרוויגט דאָרט די בעריאָזע,
וואָס גייט אויס פֿון בענקשאַפֿט באַלד.

כ׳וואָלט געדאַרפֿט געבוירן ווערן
בלינדער פֿון אַ שטיין,
כ׳זאָל נישט זען דעם הימל שטערן
דעמאָלט ווען איך בין אַליין.

מיט דערמיט פֿאַרגעס איך, דאַכט זיך,
ווי דאָס האַרץ אין מיר טוט וויי —
ווײַל דער הימל ווײַזט מיר שטערן,
וואָס אין חלום זע איך זיי.

כ׳וואָלט געדאַרפֿט געבוירן ווערן
שטומער פֿון אַ באַרג,
ס׳זאָל זיך מיר נישט וועלן זינגען
מיט די בעטלערס אויפֿן מאַרק —

מיטן אָרעמסטן פֿון אַלע,
וואָס ער האָט נישט גאָרנישט מער,
נאָר די פֿינגער אויף דער קאָבזע
און די דוינע און די טרער.

קאַנאַריקלעך

סע קיסנעט אונטער דער טריניטשקע,
און אין שטײַגל, וואָס הענגט אויף דער וואַנט,
זיך אַמפּערן צוויי קאַנאַריקלעך,
און טשירקען נאָך אַנאַנד.

צי אַמפּערט מען זיך אויף אַן אמתן?
קען זײַן, אַז מע שפּילט זיך אַזוי:
למשל, אַז איינס פון זיי זאָגט: וויי —
זאָגט באַלד דאָס צווייטע אוי.

און, ווידער, פאַרקערט — אַז איינס זאָגט: אוי —
זאָגט באַלד דאָס צווייטע: וויי —
און אַזוי אַ גאַנצן ליבן טאָג —
ווי גוטע קאַנאַריקלעך צוויי.

איך לאָז איבער

איך לאָז די ווינטלעך איבער מײַנע לידער,
די בענקענישן, אָבער, נעם איך מיט —
פֿאַרשניטענע אין האַרצן שניט אויף שניט.

די וואָלקנדלעך — חלילה נישט פֿאַרגעסן.
כ׳האָב מיך צו זיי געטוליעט אין דער קעלט
די סטאַדע לעמעלעך, וואָס אויף מײַן פֿעלד.

און ווו זענען די פֿייגעלעך געטרײַע?
צי האָבן זיי מיך ווינציק מאָל דערקוויקט,
ווי נאָר מײַן וויטיק האָט נאָך זיי געשיקט?

וווּהין מיך ציט? ס׳איז צײַט, איך זאָל אײַך זאָגן:
מיך ציט צוריק אין יענעם שטילן טאָל,
ווו ס׳איז מײַן וויג געשטאַנען העט אַ מאָל.

און איצט, געטרײַע, פֿלאַטערט זיך פֿונאַנדער —
צעפֿלאַטערט זיך אי שטיל, אי גרינג, אי גיך —
פֿאַראַן נאָך עלנטע אַזוי ווי איך.

אַ מעשׂה שהיה

דער ווייטיק איז גרויס, די בושה — נאָך גרעסער —
דער יאַט האָט דערלאַנגט צון אַן אָנגעשאַרפּט מעסער.

אַז ס׳ליגט זיך אַ מעסער בײַם ברעג פֿונעם טיש —
איז גיי האַלט זיך אײַן און נעם עס נישט.

דאָס מעסער האָט ממש גערופֿן: קום צו,

קום שפּיל דיך מיט מיר, דו שטיפֿערל, דו.

האָט דאָס יאַטל געפֿאָלגט, נאָר זיך ווינציק געהיט,
און תּיכּף טאַקע זיך אָפּגעבריט:

סע רינט שוין רויטס פֿון פֿינגערלעך צוויי —
נאָר דאָס יאַטל שווײַגט, כאָטש סע טוט גוט וויי.

דערזעט עס די מאַמע און מאַכט אַ געוואַלד:
„אַ קינד, וואָס איז נאָך קיין דרײַ יאָר נישט אַלט,

אַזאַ פּיצפּאַקל — מיט מעסערס גאָר?!
אַז וויי נישט צו מײַנע יונגע יאָר!“

נאָר דאָס יאַטל בלײַבט נישט שולדיק קיין רייד,
און איידער אַ האַלבע רגע פֿאַרגייט —

איז עס פּלוצעם אַרויס מיט אַזאַ געוויין,
אַז ס׳האָט רירן געקענט דעם האַרטסטן שטיין.

דער ווייטיק איז גרויס, די בושה — נאָך גרעסער —
דער יאַט האָט דערלאַנגט צון אַן אָנגעשאַרפּט מעסער.

„אויפֿן הימל זע איך שטערנדלעך...“

אַ מאָל געהערט אַ פֿידעלע וויינען,
פֿון אַ קליינער שטוב — צו דער גרויסער וועלט.
כ׳האָב דעמאָלט מסתמא מײַן ערשטן יאָרפֿיפֿטלינג
אַ באָרוועסער אויף דער ערד געשטעלט.

דאָס פֿידעלע האָט מיך צוגעצויגן,
און האָט מיך געבעטן בלײַבן שטיין.
און איך בין געווען אַ קאַראַפּוזיק,
פֿאַרסאַפּעט, פֿאַרצאַפּלט, איינער אַליין.

דאָס פֿידעלע האָט מיך אַרומגענומען,
און ווי זיך באַהאַלטן געוואָלט אין מיר.
איך זע נאָך איצט יענע שטוב פֿאַר די אויגן,
די ברייטע פּריספּע, די אָפֿענע טיר.

מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער איז אָבער
דאָס ליד אַרײַן אין האַרץ צו מיר טיף —
דורך דער מאַמען, זי פֿלעג עס טייל מאָל זינגען —
און מיטן באַקאַנטן שיינעם מאָטיוו.

נישט געהאַט געהערט ביז דעמאָלט קיין פּידל,
געמיינט, אַז דאָס וויינט דאָרט אַ מענטש שטומערהייט,
נאָך איצטער דאַכט זיך מיר, אַז דעמאָלט
האָט יענער מאָטיוו זיך אין מיר פֿאַרזייט.

ס׳איז וועגן אַ הימל פֿול מיט שטערן,
מיט שטערן און שטערנדלעך אָן אַ שיעור —
דערהערט אַ מענטש פּלוצעם אַ שטערנדל וויינען,
און פֿרעגט עס: ״וואָס וויינסטו? זאָג עס מיר.

דער זינגער פֿרעגט בײַם שטערנדל זײַנעם:
״צי וועל איך באַגליקן — יאָ, צי ניין?״
נאָך הײַנט, אַז איך זינג די דאָזיקע שורה,
פֿאַרצאַפּל איך מיך און איך ווער צוריק קליין.

כ׳האָב אויך אַ מאָל געהאַט אַ שטערן
און כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳האָב באַגליקט.
אַז איך זינג דער מאַמעס דאָזיקע לידל,
ווער איך ווידער אַ קינד, ווי מיט יאָרן צוריק.

כ׳האָב אַלץ נאָך ליב דעם באַשטערנטן הימל —
(שוין וויפֿל מאָל אין ליד דאָס געזאָגט!)
איך בלאָנקע דאָרט אויף לאַנגסטיקע סטעטשקעס
און זוך און זוך, דעם נעכטיקן טאָג.

כ׳האָב אַ מאָל געזען אַ בלימל

כ׳האָב אַ מאָל געזען אַ בלימל
וואַקסן צווישן ברוק און סמאָלע,
האָב איך עס אַרײַנגענומען
אין מײַן ברײטער מאַנטל־פּאָלע.

איך האָב עס אַהײמגענומען
און פֿאַר אים די טיר געעפֿנט:
״דאָ וועסטו פֿון הײַנט אָן װוינען —
דאָ וועט דיר קיין בײז נישט טרעפֿן״.

מיר׳ן אָנגעהויבן רעדן
בלימל־לשון איינס צום צווייטן,
און פֿאַר טאָג שוין פֿלעג איך אויפֿשטיין —
פֿאַרן בלימל גוטס צו גרייטן.

שטילע ווינטלעך, זון און רעגן
און די מילך פֿון ווײַסע ציגן,
און אַ גוטע האַנט פֿון ערגעץ
האָט נישט אויפֿגעהערט אונדז וויגן.

ביזקל איין מאָל, אָנהייב זומער,
ווען די שוועלבלעך נעמען פֿליִען,
זע איך: לעבן ערשטן בלימל
הייבט אָן נאָך אַ בלימל בליִען.

גייען יאָרן, קומען יאָרן —
פֿרילינג, זומער, האַרבסט און שנייען —
און סע מערן זיך די בלימלעך,
און די פֿריידן און די ווייען.

און דאָס ערשטע בלימל זאָגט מיר:
„זע, ווי שיין די בלימלעך בליִען —“
און מיר קוקן נאָך די שוואַלבן,
ווי זיי פֿליִען און פֿאַרפֿליִען...

אַ פֿרעגעניש
(לייבלען און סאָניען)

אַ ביטער פֿרעגעניש באַפֿאַלט מיך צײַטנווײַז
(איך קען שוין מער נישט מרבה־תּפֿילה זײַן אַזוי פֿיל):
אַז מיט אַזוי פֿיל ביטערנישן קומט מײַן שפּײַז —
איז אפֿשר בעטן גאָט אויף גאָר אַן אַנדער אופֿן?

אָט האָט אַ מאָל געלעבט אַ דיכטער, אַ פֿראַנצויז —
האָט ער געשריבן לידער און ער האָט געגזלט,
און אי ער האָט געגנבֿעט, אי געשיכּורט גרויס,
און פֿון דער שיכּרות קומט: מע שלאָגט זיך און מע מזיקט.

ער האָט געהייסן פֿראַנסואַ וויאָן — מע ווייסט.
ר׳האָט נישט געלעבט בשלום מיט ״די לײַט אין
שוואַרצן״,
נאָר ער האָט נישט געטון, מיר דאַכט, אַזוי פֿיל בייז,
ווי דער צבֿועק, וואָס שטעלט אַרויס זײַן פֿרומען
פּרצוף.

סע ציט מיך נישט צו דעם פֿאַרשריגענעם פֿראַנצויז.
חלילה, וואָלט איך דען ווי ער געוואָלט באַקענט זײַן?
איך קום דאָך פֿאָרט אַרויס פֿון אַ כּלי־קודש־הויז
און איך בין איבערפֿול מיט טרויעריקער בענקשאַפֿט.

אַקעגן איז אַ ייד פֿון שפּאַניע באַקענט,
אַ גאָלדענער פּאָעט, נאָר פּונקט אַזאַ שלימזל:
״די בתּי־כּנסת וואָלטן אַלע אָפּגעברענט,
— האָט ער געזאָגט — ווען איך זאָל ווערן זײַן אַ חזן.

די זון געלאָכטן וואָלט בײַ נאַכט אָט ווי בײַ טאָג,
ווען איך זאָל פּלוצעם נעמען מיסחרן מיט ליכטער.
אוי, ביטער איז מײַן דאָליע — האָט ער זיך
געקלאָגט —
און נאָך דערצו פֿאַרשאָלטן זײַן צו זײַן אַ דיכטער.

און דאַכט זיך מיר, ס׳וואָלט פֿון דער וועלט אַוועק דער
טויט,
ווען איך זאָל ווערן נעמען מיט תּכריכים האַנדלען״.
ער האָט פֿאַרפּאַקט די כּתבֿים און אַ לאַבן ברויט,
און האָט פֿאַרצאָגט געצומען איבער לענדער
וואַנדערן.

און יידישע יישובֿים גיבן אים די האַנט —
מע קען זײַן שירה און זײַן פּיוט אויסנווייניק.
אַפֿילו אויך דערשלעפּט זיך אַזש קיין ענגל־לאַנד,
אין לאָנדאָן אויסגערוט אַ ביסל זײַנע ביינער.

אין זײַנע לידער זוך איך, צי כ׳בין דאָרטן דאָ,
אין זײַנע לידער הער איך וואָרקען טויבנפּאָרן —
זיי פּאָרן זיך אין פֿלי און שווינדן צו דער בלאָ,
און ווײל זיי — ס׳האָבן נישט אויף זיי קיין שליטה
יאָרן.

איך וועל מיך קיין מאָל נישט דערדראַפּען צו זײַן הייך,
אויך נישט מיט מײַנע בעסטע לידער־רישטאָוואַניעס.
ער האָט אַן אָרט אין אונדזער אייביקייט דערגרייכט,
און איך — ווי קומט מײַן ליידיק ליד אַהין, דורך
וואַנען?

אַ פֿרעגעניש באַפֿאַלט מיך אָבער טייל מאָל פֿאָרט:
ווער האָט מײַן יאָדער — און צו וואָס — אויף צוויי
צעריסן?
כ׳בין נישט קיין הפֿקר־יונג, נאָר — ווײ! — מײַן
איינציק וואָרט
איז שטום. אויף וועמען זאָל עס מיך דערפֿאַר
פֿאַרדריסן?

נאָר אַז סע קומט אַ שטראַל אין מײַנע דולע נעכט,
וואָס אָן אַ מינדסטן שלאָף און אָן חלומות־שײַנען,
פֿאַרנייג איך מיך און זאָג: מײַן מזל, ביסט גערעכט —
און כ׳וויל נישט הערן מער די פֿרעגענישן מײַנע.

אַ ווינטל קומט אַ מאָל און גיט מײַן שויב אַ וויש,
און קומט צו דער מינוט, ווי עפּעס מיך דערמאָנען:
כ׳בין טאַקע קיין אַבֿרהם אבן עזרא נישט,
נאָר, דאַנקען גאָט, אַבי קיין פּאַרנסוּאַ וויאָן נישט.

שוואַנען

איך בין אַרויס פֿון אַ חלום־טאָל
און באַלד אַריַין אין אַ צווייטן
פֿון וואַנען קומען אין חלום צו מיר
אַזוינע טשיקאַוועקייטן?

ווי קומען צו מיר אין חלום־טאָל
פֿאַרטראַכטע זיבן שוואַנען,
ווי זיבן זעגלען פֿון וויַיסטן פּוך,
און אַ ווינטל וויגט זיי — פֿון וואַנען?

אַז ווו קען איך האָבן שוואַנען געזען —
צי דען אין מיַין שטעטלדיק געסל?
פֿון ערגעץ אַ חלום אַריַין אין מיר —
און זיי לאָזן זיך נישט פֿאַרגעסן.

פֿון ערגעץ אַ חלום — ווי קען עס געזיַין?
ווי קום איך צו שוואַנען־חלומות?
משמעות גילגולים קומען צו מיר
אין שלאָף — דורך ליכטיקע קוימענס.

פֿון שפּאַניע ערגעץ צי ווייס איך פֿון ווו,
פֿון איטאַליע — צי "ווייס איך פֿון וואַנען".
מסתּם האָבן מיַינע גילגולים געזען
ווי סע שווימען פֿאַרחלומטע שוואַנען.

און איך — מײַנע שוואַנען זע איך בלויז
אין וואָלקן־פּאָלעס בלענדן,
נאָך אַ פֿינצטער געוויכער, ווען איך מיין,
אַז אַ כמאַרע קומט מיך פֿאַרלענדן.

און שוואַנען פֿאַרמאָג איך אין חלום־טאָל,
און סע קען זיי מיר קיינער נישט עקן —
כאָטש איך געפֿין מיך דאָ עק וועלט,
אין אַ וועלט מיט זיבעצן עקן.

אַ פּערל

אַ זעמדעלע האָט זיך אַרײַנבאַקומען
צווישן בײדע פּאַלאַצווענטלעך
פֿון אַ פֿאַרחלומט מויערקעפּל,
און האָט אים באַלד אַ קוש, אַ בײַסיקן, געגעבן
אין סאַמע הערצל.
דער ים אַרום האָט אָנגעהויבן אַנדערש ברומען.

דאָס מויערקעפּל האָט געטון אַ זיפֿץ און איז אַנטשוויגן
און ביסלערווײַז דערפֿילט אַ מידקייט אין די גלידער,
און, מער ווי פֿריִער,
זיך ווי׳ן אַ וויג געגומען וויגן.

דאָס זעמדל ט׳אָנגעהויבן קליידן זיך אין הויטן,
אַרויסגעשפּונען פֿונעם מויערקעפּל,
פֿון זײַנע זאַפּטן און פֿון זײַנע בלוטגעוועבן —
און איז שוין דאָרט געבליבן לעבן,
ווי ס׳לעבן אַרבעסלעך אין שויטן.

דערנאָך האָט זיך דאָס זעמדעלע גענומען צירן
אין נעפּלדיקע שטרייפֿן,
און האָט געשפּילט
מיט פֿינטלדיקע קײַלעכלעך, ווי פּיצלעך זונען
מיט כּלערליי קאָלירן,
אַרויסגעקושטע פֿונעם מויערקעפּל,
פֿון זײַן געהירן.

דאָס מויערקעפּל האָט פֿאַרגאָסן אַלע טרערן,
און ס׳הערצל האָט נאָך אין אים קוים געזשיפּעט —
ביז איין מאָל זענען זיך צעפֿאַלן זײַנע ווענטלעך,
און ס׳איז אַרויס פֿון צווישן זיי אַ פּערל.

(פּ.ס. : אַזוי איז אויך דאָס ליד אין מיר
גערוואַקסן ווי אַ פּערל
און מיר די כּוחות אויסגענאָגט,
און מיר געלאָזט די טרערן.

אַ פּערל, אָבער, איז אַ ציר —
מע גאַפֿט, אַז מע באַטראַכט זי.
אַ ליד וואָס איז? אַ רגע טרייסט,
אַ דאַכטונג.)

אַלע שטערן זענען דאָ

אַלע שטערן זענען דאָ,
אויך דער סאַמע מינדסטער —
וואָס זשעט איז ביַי מיר אין האַרץ
תּמיד אַזוי פֿינצטער?

כ׳בין שוין נישט קיין יונגער־מאַן,
נאָר כ׳בין אַלץ אַ קינד נאָך,
און כ׳האָב אַלץ נאָך גוטע־פֿריַינד —
וואָלקנדלעך און ווינטלעך.

דעם באַשעפֿער דאַנק איך הויך,
פֿונעם האַרצנס טיפֿן —
אין אַ ברודנער וועלט אַזאַ
שיינקייטן צו טריפֿן.

וואָס זשע שריַי איך דורך די נעכט
אַזוי אומגעהאַריש?
ווײַל די וועלט איז מיר נישט רעכט,
און דאָס האַרץ איז נאַריש.

די אוצרות מײַנע

געווען בײַ מײַנס אַ קרובֿ,
אַ פּערדס אַ בײַטשס אַ שטעקן —
און בײַ זײַן טיר, מיט ציטער,
אַ גלעט געטון זײַן גלעקל.

"אָר־וואַ, אַ גאַסט, אַ שאַרפּער!
מיט וואָס קען איך דיר דינען?"
"כ'וויל גיין מיט אײַך אין שותּפות —
און גלײַך מיט אײַך פּאַרדינען.

אַז אײַך אַ האַלב מיליאָנדל,
קומט אויבעט מיר אַזוי פּיל.
און אַז מ'עט דאַרפּן סחורה —
ווע'מיר בשותּפות קויפֿן.

און טאָמער איז דער ריווח,
למשל, צוויי מיליאָנען —
איז גלײַך אויף גלײַך צעטיילט זיך —
מיט ערלעכקייט און האָנער.

און טאָמער פּיר מיליאָנען
איז וואָס זשע איז דאָ ביטער?
נעמט צוויי מיליאָנדלעך יעדער —
און ס'איז נישטאָ קיין יותּור".

מײַן קרוב שלאָגט מיך איבער:
"נו, גוט — איצט לאָז מיך הערן
מיט וואָס ס'איז דײַן געהאַנדל —
וועסטו מײַן שותּף ווערן".

"מיט וואָלקנדלעך און ווינטלעך
און נאָך אַזוינע זאַכן,
און מיט אַ בלאָער דאַכטונג,
וואָס האַלט זיך מיר אין דאַכטן.

אַ דאַכטונג, וואָס זי שווינדט נישט
אָט ווי אַ רעגן־בויגן,
נאָר זי איז אויפֿגעגאַנגען
אין מײַנע טריבע אויגן.

זי וועט פֿון דאָרט נישט שווינדן
ווי לאַנג מיר איז באַשערט נאָר
זי פּרוּוון אויסצומאָלן
מיט פּשוטיקע ווערטער.

פֿאַרכמורעט זיך מײַן קרובֿ,
ווי כ'וואָלט אים גאָר באַליידיקט,
און מאַכט צו מיר אַזוי אָ
אָן בושה און נישט איידל:

"מיט ווינטלעך גייט צו וועלדער,
מיט וואָלקנדלעך — צו שטערן,
און גיי זיך דיר פֿון דאַנען —
כ'זאָל מער דײַן קול נישט הערן!"

— בין איך אַוועק אין וועלדל —
די אוצרות מײַנע ציילן,
און מיט די לידער מײַנע
רווחים אויסצוטיילן.

ווי אין אַ ליכטיקן ברונעם

אונדזער הילצערנע וויג,
וואָס פֿלעג לאָמען ווי פֿון אַ מום,
שווימט נאָך אין מײַן זיכּרון אַרום.

און די הימלשטיינדלעך,
וואָס כ׳האָב פונעם טײַך אַהיימגעבערענגט,
וואַרעמען מיר נאָך די מידע הענט.

און די משפּחה־בילדער,
וואָס פֿלעגן הענגען אויף די ווענט
בײַ אונדז אין שטוב,
און וואָס אַ גוי האָט זיי פֿאַרברענט —

אַלץ איז נאָך דאָ אין מיר
ווי אין אַ ליכטיקן ברונעמגרוב.
איך קוק אַריין אַהין געבויגן,
און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

דאָס אות, וואָס פֿאַר מײַנע אויגן

אַ פֿויגל האָט אויסגעשריבן אַן אות
אויף דער ווײַטער הימל־יריעה,
נאָר איבערלייענען איז מיר שווער,
און שווערער — נאָכצופֿליִען.

כ׳על בעסער בעטן דעם ווינט אין פֿעלד,
אַפֿילו סע זעט אים נישט קיינער:
גיי כאַפּ דעם פֿויגל און ברענג אים אַהער —
דאָס אות מיר איבערצולייענען.

און אפֿשר וועל איך בעטן דעם ווינט,
ער זאָל דאָס אות פֿאַרמעקן —
וועל איך, דער איבערגעשראָקענער,
פֿאַרשפּאָרן זיך מערער צו שרעקן.

איז דער ווינט אַוועק און געקומען צוריק,
נאָר מע זעט נישט קיין שײַן פֿון קיין פֿויגל —
און כ׳האָב נישט ווער ס׳זאָל מיר פּותר זײַן
דאָס אות, וואָס פֿאַר מײַנע אויגן.

בײַם טײַכל

אױף אַ ברעג פֿון אַ פֿאַרבלאָטיקט טײַכל
זענען זײ געלעגן אױף די בײַכלעך —
און געבױט אין אײנעם אַ — װולקאַן
זאַמד איז דאָ געװען גענוג, און װאַסער,
פֿײַכטלעך לײם און פֿלאַכע שטײנדלעך, נאַסע,
און דער ברען איז דאָ געװען פֿאַראַן.

מ׳האָט געשװיצט װי ביבערלעך, װי יונגע —
מ׳איז נישט סתּם געגאַנגען, נאָר געשפּרונגען
אָט צום װאַסערל, און אָט צוריק.
נישט קײן שפּעטנע בנין, און אין מיטן,
אױבן, איז דער שפּיץ אַראָפּגעשניטן,
און ס׳איז דאָ אַ לאָך, אױף פּאָפּעריק.

אַז דער בנין איז געווען שוין פֿאַרטיק,
און דאָס ליים — אַ טרוקנס און אַ האַרטלעכס.
האָבן זיי, פֿאַר פֿרייד, זיך אַזש צעטאַנצט,
און מ׳איז זיך צעלאָפֿן, און געקומען
איטלעכס מיט אַ בינטל ווילדע בלומען —
און מ׳האָט דעם ווולקאַן דערמיט באַפּלאַנצט.

נאָר אַז ס׳איז שוין אַלץ געווען פֿאַרענדיקט,
ווײַל די גוטע זון האָט צוגעבלענדיקט,
האָט אַ קינד זיך שיר נישט אַזש צעוויינט:
״ווײ, וואָס טויג אונדז אַ ווולקאַן גאָר פּלוצעם,
און זיך אין אים שפּיגלען און אים פּוצן?
אַ ווולקאַן איז דאָך פֿון פֿײַערשטיין!

אַ ווולקאַן ווייסט איינס: ער קען נאָר שפּײַען
און פֿאַרגיסן גאַנצע שטעט מיט פֿײַער —
קינדער, ווו איז אונדזער קאָפּ געווען?
אַ ווולקאַן, אַז ער הייבט אָן צו צישען,
העלפֿט נישט דעמאָלט קיין באַהעלטענישן —
איין גאָט ווייסט, וואָס דעמאָלט קען געשען״.

האָט מען זיך גענומען פּלוצעם שטופּן
דעם ווולקאַן צעוואַרפֿן און צעטופּען —
מ׳האָט עס אי געזען און אי געהערט.
מ׳האָט אויף אים געטאַנצט מיט הוילע פּיסלעך,
נישט געלאָזט פֿון אים קיין מינדסטע ביסלעך —
אויסגעגלײַכט אים ממש מיט דער ערד.

פֿון דער סצענע אָפּגערוקט צוויי שפּאַן נאָר
שטייט אַ זיידעניו און איז מקנא
אי די קינדער, אי די טועכצער.
ער פֿאַרקוקט זיך אין די הימלען טיפֿע,
און ער גיט אַ זיפֿץ און זאָגט: "השקיפֿה —
פֿון דײַן ווינאָרט קוק אַראָפּ אַהער..."

אפֿשר....

אפֿשר דאַרף מען גאָר נישט שרײַבן
אין אַ ליד מיט גראַם און ריטעם
וועגן די מאַניאַקן־באַנדעס,
וואָס זיי שפּילן זיך אין שכנות
מיט אַטאָמישע שטורקאַצן
און מיט אָנגעסמטע פֿײַלן —
אַז דער אייבערשטער זאָל היטן.

אפשר דאַרף מען גאָרנישט שרײַבן,
אַז אויך נאָר פֿון זייער טומלען
און פֿון זייער דול געלעכטער
קען מען די נשמה לאָזן —

ס׳זאָל פֿון אונדז נאָר בלײַבן רויכן —
אין אַ פּינטל פֿון אַ רגע —
אַז די שעה זאָל גאָרנישט קומען.

איך בין שטאַרק געפֿאַלן בײַ זיך,
און די שטאַרע לעפֿצן שטאַמלען:
ס׳איז נאָך אַלץ געמאָלט, אַז עמעץ
קומען וועט צון אונדז, פֿאַרשמאַכטע,
און אונדז געבן טרייסט צו טרינקען —
אַז דאָס האַרץ זאָל אין אונדז וואַקסן.
שטאַרע שטאַמלען מײַנע לעפֿצן:
אוי, ווי לאַנג וועט ער זיך זאַמען?...

דאָס ליד נישט פֿאַרענדיקט

דאָס ליד נישט פֿאַרענדיקט. מע זעט עס קלאָר:
דאָס טינטערל שטייט נאָך אָפֿן.
געווען די מוזע, געוואַרט און געוואַרט —
און איז אַ פֿאַרצאָגטע אַנטלאָפֿן.

זי האָט אים פֿון ווײַטנס געשענקט אַ קוק
און מיט דער האַנט אַ פֿאָכע,
און ער האָט דערפֿילט, אַז דאָס האַרץ אין אים
ווערט אָט אָט אויף שטיקער צעבראָכן.

"ווי לאָזסטו מיך איבער בײַם לעצטן ליד?
האָסט נישט קיין מאָל געדאַרפֿט זיך מיר ווײַזן!"
ער האָט איר נאָכגעוואָרפֿן רייד,
ווי פֿאַרסמטע שטיקער אײַזן.

אומזיסט געווען זײַן בעטן זיך,
אומזיסט געווען זײַן שעלטן.
ס'איז קלאָר געווען, אַז ר'האָט פֿאַרשפּילט
אויף איין מאָל ביידע וועלטן.

האָט ער אַ שמיץ געטון מיט דער פּען,
געוואָלט פֿון איר אַנטרינען —
לעהיי ער האָט קיין מאָל גאָרנישט געזוכט
און גאָרנישט געוואָלט געפֿינען.

ער האָט אַ דריגע געטון דעם טיש,
און איז אַרויסגעלאָפֿן.
דאָס לעצטע, נישט־פֿאַרענדיקטע ליד
האָט אים ווי אַ דונער געטראָפֿן.

דאָס לעצטע ליד דאַרף זײַן געטרײַ
און ערלעך ווי אַ חתימה,
און לײַכטן ווי אַן איידלשטיין,
און שפּילן ווי אַ דימענט.

און דאָ איז ער אין מיטן פֿעלד,
אַ נאַקעטער און הוילער —
און אָן אַ לעצט און ערלעך ליד
ווערט ער דאָך גאָרנישט פּועלן.

האָט ער געכאַפּט צוויי בלעטער קרויט
און זיך פֿאַרקלעפּט די אויגן
און האָט די קאָרע פֿון אַ בוים
אויף זיך אַרויפֿגעצויגן.

דערנאָך האָט ער מיט בלינדע הענט
געפֿונען גראָזן עפּעס,
און זיך די אויערן פֿאַרשטאָפּט —
און אָנגעהויבן העפּען.

ר׳האָט נישט געזען די ווײַטע וועלט,
און נאָר געהערט די גראָזן,
אַ ווינטעלע פֿון ווייס איך ווו
האָט אין אים אַרײַנגעבלאָזן.

דאָס ווינטל האָט געשעפּטשעט קלאָר
און האָט גערעדט פֿאַרהוילן,
און אים האָט זיך כּמעט געדאַכט,
אַז אים איז גוט און וויל אים.

בוריענעס האָבן אים צוגעפּײַפּט
און ס׳האָט אים אויפֿגעהויבן
ער האָט אומזיסט געזוכט אַ וואָרט
די רגע אויסצולויבן.

די פֿייגעלעך האָבן אים צוגעשפּילט
און געהאַלטן אין איין טירילייען,
און אים האָט זיך כּמעט געדאַכט,
אַז ער ווייסט נישט מער פֿון קיין ווייען.

נאָר דאָס ליד — נישט פֿאַרענדיקט.מע זעט עס קלאָר:
דאָס טינטערל שטייט נאָך אָפֿן.
געווען די מוזע, געוואַרט און געוואַרט —
און איז אַ פֿאַרצאָגטע אַנטלאָפֿן.

דער קאַטערינטשיק איז שוין מיד

דער קאַטערינטשיק איז שוין מיד,
די קאַטערינקע סקריפּעט —
נאָר דאָס קאַנאַריקל אין שטײַג
ווייסט איינס: סע פּײַפּט און סע היפּעט.

מסתּמא פֿאַר אַ האַלבער וועלט
געצויגן קוויטלעך מזל —
נאָר ר׳האָט פֿאַרגעסן זיך אַליין,
און זיך אַליין באַגזלט.

ר׳האָט אָפּגעשפּאָרט דאָס פֿייגעלע,
וואָס היפּעט אינעם שטײַגל.
באַטיילט מיט קוויטלעך אַלעמען,
און זיך — קיין דאַרע פֿײַג נישט.

די קאַטערינקע שטייט אין שטאַל,
כּמעט שוין אויפֿן הויף, און
מע זעט נישט קיין משוגענעם,
ער זאָל זי וועלן קויפֿן.

ווער וועט זי בײַ אים ירשענען
ווער — נעמען פֿאַר אומזיסטן?
אוי, קאַטערינקע טײַערע —
דיך וואַרפֿן אויף די מיסטן?

סע טונקלט, שטערן גייען אויף,
די נאַכט איז אויפֿגעגאַנגען.
די קאַטערינקע גייט אים נאָך
מיט בענקעדיקע קלאַנגען.
אים דאַכט, זי שפּילט נאָך ווי אַ מאָל,
און פּונקט אַזוי געציקלט.
איז ווער זשע, פֿרעגט ער, האָט אין איר
אַ צער אַזאַ צעוויקלט?

דער קאַטערינטשיק שטייט פֿאַרטראַכט
און פֿאַלט אַרײַן אין דרימל,
און עפֿנט דעם קאַנאַריקל
אַ טויערל אין הימל.

אַ קראַנקע שוואַלב

צום הימל קוקט אַרויף אַ קראַנקע שוואַלב.
אַ שפּאַרבער האָט איר אויסגעפּיקט די אויגן,
אַז זי איז אַ פֿאַרנאַכט אַהיימגעפֿלויגן.

איר בענקט זיך נישט אַזוי נאָך פֿעלד און וואַלד,
ווי נאָך די בלאָלעכדיקע ימען הימל,
וואָס זי פֿאַרמאָגט איצט נאָר אין חלום־דרימל.

די סטריכבע שאָטנט אויף איר ווי אַ שטיין.
זי קוקט זיך אום: ווו וועט דאָ זײַן די שקיִעה?
צי וועט זי קענען איר אַקעגנפֿליִען?

קאָשמאַר

און פּלוצעם בין איך טיף אין אַ הייל,
און איך גראָב מיט נעגל און ציין, ווי אַ קראָט.
איך בין טויב און בלינד,
און אַ שטומער שרײַ איך: ווו איז דאָ גאָט?

די פֿינצטער שווערט אויף מיר ווי אַ שטיין
און דער שטיין זאָגט שטום: ווו אַהין וועסטו גיין?
אין ליכט וועסטו זען און הערן נאָר שפּאָט
און לעסטער פֿאַר אַלע, וואָס זוכן גאָט.

איך בלײַב אין דער הייל, אָן קלאַנג און אָן ליכט,
און איך זע, ווי געשטאַלטן צעיאָגן זיך.
מע הערט נישט קיין פֿאָבע, מע הערט נישט קיין טראָט,
נאָר באַלעמפּלטע שטערנס זוכן גאָט.

איך שטום, אַ דערוואָרגענער: "לאָזט מיך אַרויס —
סע מוז נאָך זײַן ערגעץ גאָטס אַ הויז — "
און צווייען נעמען מיך אָן בײַ די הענט —
ס'ווערט ליכטיק, אַ פֿינצטערער שײַטער ברענט.

און איינער מאַכט: "אָט דער עשאַפֿאָט —
פֿאַר אַלע, וואָס זוכן נאָך גאָט."

און כ'האָב מיך אויפֿגעכאַפּט.

והיה...

אַ פּלאַסטיש האַרץ און אַ פּלאַסטישער מוח,
און אויסקאַסטרירט דער מענער־כּוח,
דער ים איז פֿאַרסמט, דער בוים, דאָס גראָז —
וואָס זשע טויג אַזוי פֿיל מענטשוואַרג, וואָס?

די פֿייגעלעך הערט מען ווינציקער זינגען, —
מע זעט נישט אין גראָז קיין היישעריק שפּרינגען —
דאָס גראָז איז פֿאַרסמט, ווײַל פֿאַרסמט איז די ערד —
ווערט ווערעם און זשוקעס אַלץ ווינציקער.

דאָס גראָז, דער זשוק און דער מענטש נעמען שווינדן.
מע גייט אום טויבע, מע גייט אום בלינדע.
שפּיטאָלן איז דאָ, דער לאַנצעט איז שאַרף —
די מלוכה ווייסט וויפֿל מענטשן זי דאַרף.

די מלוכה ט׳שוין זאָגן: הײַנט מעג מען זיך פּאָרן —
אַן איינציק מאָל אין פֿינעף יאָרן.
און קינדער וועט זײַן בלויז איינס אויף אַ שטראָז —
ווײַל קיין שפּײַז איז נישטאָ, קיין בוים און קיין גראָז.

די לופֿט איז פֿריטוכלע, דער טײַך וויל נישט רינען.
דער מענטש גייט אום און הוסט און סלינעט.
מע זעט נישט ס׳זאָל שמייכלען אַ בלימל אין פֿעלד.
אַ תּכלית געמאַכט פֿון דער שיינער וועלט.

סע גיט זיך אויס אַ מאָל אַ טאָג

סע גיט זיך אויס אַ מאָל אַ טאָג,
ווען אײַזנשטאַבעס שינדן דיר דעם שטערן,
דער טאָג נעמט לעשן זיך און פֿינצטער ווערן,
אין הימל צינדט זיך שטערן נאָך אַ שטערן
און עפּעס שטאַרק אַ ביטערס נעמט זיך קלערן.
אוי, גאָט, ווען ס'עפֿנט זיך מיר אויף אַ קבֿר —
נאָר קיינער זאָל נישט זען און זאָל נישט הערן.

און ס'גיט זיך אויס אַ מאָל אַ טאָג,
ווען ס'ווערט דיר ווידער ליכטיק אַרום שטערן —
ווי עמעץ קומט דיר טריקענען די טרערן.
אין הימל בלאָלעבט, לעשן זיך די שטערן,
און עפּעס האָפֿערדיקס דיר נעמט זיך קלערן.
דו ווילסט דיך לאָזן טאַנצן אין די גאַסן —
נאָר קיינער זאָל נישט זען און זאָל נישט הערן.

אָנגעווירן

כ׳האָב אָנגעווירן עפּעס אַזוינס,
וואָס מע קען עס נישט דערזאָגן.
איך לאָמע אום זינט דעמאָלט אָן,
און אַ לאָמער טאָר זיך נישט יאָגן.

אַ ווינט האָט עס ביי מיר אַ כאַפּ געטון
און האָט עס ערגעץ פֿאַרטראָגן.
כ׳האָב אָנגעווירן עפּעס אַזוינס,
וואָס כ׳וועל עס שוין מער נישט פֿאַרמאָגן.

איך גיי אַרום אין קלעמעניש,
געהויקערט און דערשלאָגן.
איך פֿרעג ביי די שטערן, וואָס שטאַרן אויף מיר:
פֿאַר וואָס קומט מיר אַזוי זיך צו פּלאָגן?

נישט טרעט מיט העזה דעם שטיין אויפֿן קאָפּ

נישט טרעט מיט העזה דעם שטיין אויפֿן קאָפּ.
פֿאַרהאַלט זיך און באַטראַכט זיך:
דער שטיין האָט שוין אינעם תּוהו־ובֿוהו געלעבט,
נאָך איידער דו ביסט בײַ גאָט געווען אַפֿילו אַ דאַכטונג.

דאָס מינדסטע זעמדעלע —
מיט וויפֿל מיליאַסן יאָרן עלטער פֿון דיר איז!
מיט ציטער און בלויז מיט אַ גלעט,
ווי עפּעס געטלעכס, באַריר עס.

בייג אײַן דעם קאָפּ ביז טיף צו דער ערד,
און הער וואָס סע שעפּטשעט דאָס מינדסטע זעמדל,
וואָס גאָפּט אַרויס פֿון אונטער זיין שאָרסטקע העמדל:
ווי גוט אין גרויסן גאָטס באַשאַף
צו זײַן אַפֿילו אַ זעמדל.

נישט שפּײַ אין שטויב,
וואָס שטיל צו דײַנע פֿיס געשפּרייט איז,
און שפּאַן דערויף נישט מיט פֿאַרריסנקייטן.
אין איטלעך שטויבעלע באַזונדער
איז דאָ אַ זון געצונדן.

גיי אום
אַ שטומער,
די זינדיקע ליפּן באַוועג נישט,
אַ טרייסטער קען קומען
פֿון ערגעץ אויף שטויביקע וועגן.

לידער

מיר גייען נאָך די שאָטנס
פֿון קוימענס אָפּגעבערענטע —
די פֿינגער מיר צו פּענטען.

מיר פֿליִען נאָך, אָן פֿלאַטער,
דערוואָרגענע דרייַ שוואַנען,
פֿון דאָרטן ביזקל דאַנען.

איך טונק די פּען אין טינטער —
ווערט קאַלט מיר און ווערט וואַרעם
אין מייַנע פֿינגער דאַרע.

אי ס׳ווילט זיך אַלץ דערציילן
אין לידער, אין געגראַמטע,
און אי די בושה צאַמט מיך.

בין איך, הייסט עס, נישט קיין נאַר...

(„אַ נאַר איז אַ האַלבער נביא" — פֿאָלקסווערטל)
(אַ מתּנה מינדעלע ש.־אָ.)

געהאַט אַ מאָל אַ מיידעלע,
אַ תּלמידה בײַ מיר אין קלאַס דרײַ —
זינט דעמאָלט זענען, פֿאַרשטייט זיך שוין,
אַ שיין ביסל יאָרן פֿאַרבײַ.

(פֿאַר וואָס זשע דערצייל איך עס פּלוצעם הײַנט?
אַ נפֿקא־מינה, עט!
אַ מעשׂה קען ליגן יאָרצענדליקער
אין שופֿלאָד בײַם פּאָעט.

ביז איין מאָל שפּאַרט אים עפּעס אָן,
און ער נעמט זי אַרויף אויף דער פּען —
און ער מוז זי דערציילן דער גאַנצער וועלט,
אַזוי גוט און שלעכט ווי ער קען.)

אַ קינד, אַ ייִדיש מיידעלע —
איז דען דאָ אַ קינד אָן חן?
נאָר אָבער אונדזער מיידעלע זיצט
מיט אַ פֿינגער צווישן די ציין.

איז מילא, זיצט אַ מיידעלע
מיטן גראָבן פֿינגער אין מויל —
אַבי זי איז שטיל און דערקוטשעט נישט,
און אַבי זי לערנט זיך וווּיל.

בפֿרט זי האָט אויגאַנעס צוויי,
און אַ פּיסקל — אַ גרייַצער די גרייס —
זאָל איך זאָגן: "דעם פֿינגער נעם אַרויס,
ווייַל איך, דער לערער, הייס" — ?

(כ'האָב זי יאָ, דאַכט זיך, איין מאָל אַ פֿרעג געטון:
"זאָג, מינדעלע, יאָ צי ניין —
אַפֿילו אַז דו שלאָפסט איז אויך,
מיטן פֿינגער צווישן די ציין?"

נאָר כ'האָב מיך באַלד צוריקגעכאַפּט,
ווייַל ס'האָט מיך שטאַרק געאַרט:
וואָס גייט דיך אָן ווי אַזוי זי שלאָפֿט
ביַי נאַכט — דו קלוגער נאַר?)

און מיט איטלעכן טאָג איז דער פֿינגער, מסתּם,
געוואָרן געשמאַקער אַלץ מער.
כ׳האָב געמיינט, אַז זי זיצט און חלומט אַזוי,
אָבער ניין — זי האָט אַלץ געהערט.

נאָר נאָך חדשים עטלעכע
ווי מינדעלע זיצט בײַ מיר,
איז געקומען מינדעלעס מאַמע צו גיין
און אָנגעקלאַפּט לײַכט אין מײַן טיר —

און שטאַרק אַ פֿאַרצאָגטע פֿרעגט זי מיך:
״לערער שאַפּיר, ווי לאַנג איז דער שיעור,
אַז מיין מינדל זאָל זויגן דאָס פֿינגערל,
ווי אַ מאָל די ברוסט בײַ מיר?

כ׳האָב אין איר שוין געגנוג אַרײַנגערעדט,
איך האָב שוין קיין כּוח נישט מער.
מיר דאַכט זיך, לערער שאַפּיר קרוין,
אַז אײַך וואָלט זי גיכער געהערט.

איך שלאָף קיין נעכט נישט צוליב איר,
גלייבט יאָ, צי גלייבט מיר נישט —״
(און, אויב מײַן זכּרון דינט מיר גוט,
האָט זי זיך די אויגן געווישט).

דאָס אַלץ איז געווען הפּסקה־צײַט —
ס׳איז נישט קיינער געווען דערבײַ,
נאָר איך און אַ מאַמע, אַ האַרציקע,
פֿון אַ מיידעלע אין קלאַס דרײַ.

האָב איך איר געזאָגט: ״איר זאָרגט זיך אומזיסט,
איר זינדיקט פּשוט פֿאַר גאָט.
צי ווייסט איר נישט, מינדעלעס מאַמע, אַליין
סאַראַ גילדן טעכטערל איר האָט?״

און כ׳האָב איר איידל אַ גלעט געטון
אויפֿן אַקסל, און כ׳האָב איר געזאָגט:
״זי וועט נישט גיין מיט קיין פֿינגער אין מויל
צו דער חופּה, אין חתונה־טאָג״.

אַזוי איז טאַקע, האָב איך געהערט,
מיט יאָרן שפּעטער געווען —
און מינדעלע איז צו דער חופּה געגאַן
אָן אַ פֿינגער אין מויל. מ׳האָט געזען.

״אַ נאַר איז אַ האַלבער נביא״ — אַ יאָ?
ס׳אַ ווערטל. קומט אויס דערפֿאַר,
אַז ווײַל כ׳בין אַ גאַנצער נביא געווען,
בין איך, הייסט עס, נישט קיין נאַר...

פּלאַטער־רעגן

פּלאַטער־רעגן
אויף די וועגן —
קומט אים, קינדערלעך, אַקעגן.

אויף די גראָזן
ווינטלעך בלאָזן,
יאָגן אום ווי יונגע האָזן.

איטלעכס בלעטל
ווערט אַ שרעטל,
וויל, דאָס ווינטל זאָל עס גלעטן.

אויף די בייטן,
די געשפּרייטע,
גרינען לויטער וווּנדערקייטן.

מ׳איז באַזונדער,
און אַ וווּנדער
צווישן וווּנדערס צען מאָל הונדערט.

נהורא מעליא*

(אַ מתנה ד״ר עזריאל נאַקס)

בלאָ־צעעפּנטע הימלשויבן,
שטיל געפּלאַטער פֿון היימלאָזע טויבן.
טאָל און טייך און שטילע כוואַליעס
גאַרן נאָך נהורא מעליא.

שטיל געפּלאַטער אַרויף, און ווידער
שטיל אַראָפּ צום טאָל אין דער נידער.
בלאָע בענקשאַפֿט שוועבט אויף כוואַליעס —
גאַרונג נאָך נהורא מעליא.

שטיל פֿאַרציליען די טויבן אַן עיגול,
טובֿלען זייַן שאָטן אין וואַסער־שפּיגל.
אָוונט. די פֿאַרבענקטע כוואַליעס
שעפּטשען אין חלום: נהורא מעליא.

וועלטן ראַנגלען זיך אין קלעמען.
ווער וועט זייער געוויין פֿאַרנעמען?
לאָם און בעריאָזע און גייערס פֿון ווייַטן
פֿרעגן: צי איז נאָך די שעה נישט צייַטיק?

טאָל און טייַך און שטילע כוואַליעס
בענקען נאָך נהורא מעליא.

* אייבערשט, איבערערדיש ליכט

פֿאַזע טײַך

איך בין געגאַנגען פֿאַזע טײַך
און געזעגנט מײַן לידער־טאָרבע.
איך בין געגאַנגען שטאַרק באַטריבט,
און אין דרײַען אײַנגעהאָרבעט.

איך האָב זי טאַקע געטראָגן אויף מיר,
אַזוי ווי אַ זאַק מיט שטיינער.
און כ׳האָב מיך אַלע מאָל אומגעקוקט,
צי זעט מיך דאָ נישט קיינער.

איז דער טײַך ווי פֿון די ברעגן אַרויס
און געגומען שטראָמען אַרום מיר,
און איך האָב באַלד דערזען בחוש,
אַז דאָ איז מײַן סוף געקומען.

גיי הייב דאָ אויף די הענט צו גאָט,
אַז דו ביסט מיטן טראָט נישט זיכער.
האָב איך געוואָלט, אַז דאָס, וואָס סע קומט,
זאָל קומען שוין, וואָס גיכער.

כ׳האָב געטון מיט דער טאָרבע אַ שמיץ אין דער לופֿט,
אַז זי זאָל אין די כוואַליעס גיין ווינען —
נאָר דאָ האָט מיר עמעץ אַ זאָג געטון:
״דו אַזעלכער און אַזוינער —

מע וואַרפֿט זיך נישט מיט גאָטס אַ גאָב,
מע דאַרף דערפֿאַר צו דאַנקען —
און דיך באַפֿאַלן גאָר איטלעכס מאָל
עפּעס מאָדנע זלידנע גדאַנקען.

און אותו־רגע איז עפּעס געשען:
ס'איז עפּעס אַרויסגעשפּרונגען
פֿון צווישן שלאַנגען־כוואַליעס צוויי —
און האָט מיך אײַנגעשלונגען.

אַ פּיפּערנאָטער, אַ זשאַבע, אַ פּיש —
איך הייב נישט אָן צו וויסן.
כ'האָב נאָר געהערט: „וועסט ליגן אין מיר,
און זיך לײַטישן אַ ביסל".

איצט ליג איך ב'אַ חיה אין אינגעווייד
און כ'בין געבויגן אין דרײַען:
איך ווייס נישט, וואָס מע הייבט אָן צו טון,
אַז זי זאָל מיך צוריק אויסשפּײַען.

ווײַל שרײַב איך לידער — וואַרפֿט עס מיך,
און נישט — מיט איר נעמט עס וואַרפֿן.
מיך וואַרפֿט סײַ ווי ווי'ן אַ הינערפּלעט,
ווי צווישן צוויי שווערדן שאַרפֿע.

זיך בוקן

די סטעטשקעס גלײַכן זיך שוין אויס,
די ווערלדלעך זיך פֿונאַנדעררוקן.
אַ נאָכגעיאָגטער מידער הירש
וויל אָנקומען אַהיים — זיך בוקן.

זיך בוקן צו פֿיר אײלן ערד,
נאָר אַלץ מיט בענקעניש נאָך שטערן.
די ווערלדלעך רוקן זיך פֿונאַנד,
די סטעטשקעס נעמען ברייטער ווערן.

די סטעטשקעס גלײַכן זיך שוין אויס,
די ווערלדלעך רוקן זיך פֿונאַנדער —
דער מידער הירש האָט נישט דערגרייכט
די שטערן — אין זײַן וואָגל־וואַנדער.

די יעגערס האָבן אים געיאָגט,
די הינט — נישט אויפֿגעהערט צו בילן.
איצט וויל ער אָנקומען אַהיים
אין מיטן פֿון זײַן לעצטער תּפֿילה.

נישט איין מאָל אים אַרומגעצאַמט
און אָנגעשטעלט אויף אים די פֿײַלן
איצט מוז ער מיט זײַן ווונדיק האַרץ
ביז אָנהייב נאַכט אַהיים זיך אײַלן.

ער מוז דעריאָגן ביז אַהיים,
די ווונדן זײַנע דאָרט צו קילן
און, צו דער שטערנהייך פֿאַרקוקט,
פֿאַרענדיקן זײַן לעצטע תּפֿילה.

ער וועט אַראָפּנעמען פֿון זיך
די שיינע קרוין, זײַן ביסל צירונג,
די שקיעה וועט אים באַרג אַרויף
אין אירע ווײַטענישן פֿירן.

ער וועט נאָר מיטנעמען מיט זיך
די בושות און די שטילע בענקשאַפֿט,
און אפֿשר שעפּטשענען אַ דאַנק
פֿאַר אַלע זײַנע טעג געשענקטע.

פֿאַרשמיר דיר נישט דאָס פּנים

פֿאַרשמיר דיר נישט דאָס פּנים
מיט בלאָטע פֿון דער גאַס,
צעקרים דיר נישט די צורה
מיט גאַווערדיקן כּעס.

נישט זאָג אַרויס קיין קללה,
נישט רעד אַרויס קיין בייזס,
און גיי אויף שפּיצן פֿינגער
און היט דיך ווי דו גייסט.

לאָז יענער אויף דיר רעדן,
שווייַג איבער און פֿאַרשווייַג —
באַהאַלט די האַנט אין פּאָלע,
און ווייַז אים דאָרט אַ פֿייַג.

אַהיים גיי און באַהאַלט דיך
אַהינטער טיר און ווענט,
און דאָרט באַווייַז דייַן כּוח,
צעפּיר זיך דאָרט די הענט.

ווייַל דאָרט, בייַ דיר אין אַלקער,
אַהינטער ווענט און טיר,
הערט קיינער נישט דייַן קללה,
נאָר דו און דאָס פּאַפּיר.

און וועגן דיר ט׳מען זאָגן:
"קיין פֿייַנערס קען נישט זייַן..."
געדענק זשע: טאָמער שעלטן —
אין אַרבל שעלט אַרייַן.

עפּיטאַף

ער איז פֿון דער וועלט אַוועק מיט טעג,
פֿאַר זײַן בענקשאַפֿט אָבער אַלץ צו פֿרי.
מיטגענומען האָט ער גאָרנישט נישט
פֿון זײַן גאַנצער, גאַנצער לידערמי.

ר׳האָט געהאַט אַ ביסל גוטע־פֿרײַנד,
מערער ווי ס׳איז אים געווען באַשערט.
איצטער האָט ער צען מאָל אַזוי פֿיל —
ווײַל איצט האַלדזט ער דאָך אַ גליבע ערד.

זײַן קבֿר

אַ האַלב פֿאַרפֿרוירן פֿייגעלע
אויף אַ צווײַג, אַן אײַנגעדאַרטן,
וועט זיך וויגן אין לײַכטן אָוונטווינט
און זײַן קבֿר היטן — און וואַרטן.

אַרום און אַרום וועט בלישטשען דער שניי
און וואַראָנעס וועלן זיך קריגן,
דאָס פֿייגעלע וועט אָבער שטיל
זיך איבער זײַן קבֿר וויגן.

דאָס שטילע פֿייגעלע וויל געטרײַ
דעם עלנטן קבֿר היטן,
ווּ סוף־כּל־סוף האָט געפֿונען רו
דער פּאָעט, דער אײַנגעמידטער.

די מצבה שטייט אויף אַ זײַט גענייגט,
אָט ווי ער איז געגאַן דורכן לעבן,
נאָר ר׳האָט איצט זײַן גאַנצע בענקעניש
צוריק דעם ווינט אָפּגעגעבן.

ער האָט זי געירשעט פֿון אים אַ מאָל,
ווי דער ווינט זאָל אים האָבן געבוירן —
די בענקשאַפֿט האָט אָבער אים אָפּגענאַרט,
און ר׳האָט בײדע וועלטן פֿאַרלוירן.

דער ווינט האָט זי אים פֿון ערגעץ געברענגט,
און זי האָט אַ לעבן געצערט אים.
דער פּאָעט ליגט איצט דאָרט, פֿון וואַנען ער קומט,
און אַ מאַמע איז די ערד אים.

קיין גן־עדן־פֿייגעלעך זעט ער נישט מער,
זייער שאָטן מער נישט אַפֿילו,
און דאָס שטילע פֿייגעלע איבער אים
איז שטילער פֿון אַלע שטילע.

אויפֿן אַלטן שטייגער

בין איך מיר אַ חסידל אַזש פֿון סטרי,
פֿאָר איך צום רבין גאַנץ פֿאַר פֿרי.
די רעדער סקריפּען טרי־לי־לי,
דער וועג איז לאַנג, נאָר ס׳איז גוט סײַ ווי.

בײַם רבין איז באמת גאָרנישט שלעכט,
מע גייט ריקודימלעך גאַנצע נעכט.
ווי אַ פֿיש אין וואַסער פֿילט מען זיך,
צווישן אַלע קבצנימלעך.

צוזונג: מיר זענען חסידימלעך, אוודאי — וואָס
דען?
און איטלעכער דאַוונט וויפֿל ער קען.
נאָר אַלע אין איינעם פֿרעגן מיר, מיט
ברען:
אוי, ווען וועט שוין קומען משיח,
ווען?...

בין איך מיר אַ חסידל און פֿאָר קיין פרימישליאַן.
צום רבין פֿאָרט מען נישט מיט קיין באַן
מיט אַ פֿערד און וואָגן פֿאָרט מען און מע שפּאַנט,
און מע קומט אַהיים מיט אַ ברכה אין דער האַנט.

גייט אַוועק אַ צרה, קומט אַ בראָך,
נאָר אַז כ׳האָב אַ פֿלעשל משקה — וואָס פֿעלט מיר
נאָך?
כ׳האָב אויף קידוש און הבֿדלה און אַ גאַנצער וואָך,
דער אייבערשטער איז אַ פֿאָטער דאָך.
צוזונג: מיר זענען חסידימלעך אאַז״וו

בין איך מיר אַ חסידל און פֿאָר קיין לעמבעריק,
אַזוי ווי סע זאָלן מיך ציִען שטריק.
איך פֿאָר אַהין פֿאַרצרהט, אָבער צוריק
פֿאָר איך שטענדיק זינגענדיק.

געגעבן זיך צווישן עולם אַ דריי,
און ס׳איז מיר גוט, און ס׳איז מיר וויי —
נאָר געפֿונען צוויי בחורימלעך, נעם איך זיי —
חתנים פֿאַר מײַנע טעכטער צוויי.
צוזונג: מיר זענען חסידימלעך אאַז״וו ווי

קאַטאָוועסל

כ׳על פֿאַרקויפֿן די פען, וואָס איך טינטל מיט איר,
מיט איר געלן מעשענעם קעפּל —
און מיר קויפֿן דערפֿאַר אַ קניפּיקל,
צו שיילן באַרן און עפּל.

ט׳מען פֿאַרשפּאָרן האָבן טענות צו מיר:
״דו פֿאַרפֿלייצסט די וועלט מיט לידער —״
און פֿון די פּירות קומט מיר צו
געזונט אין אַלע גלידער.

פֿאַרשפּאָר איך מיך צו מאַטערן,
און כ׳דאַרף די וועלט נישט קלעמען —
אי זיך קיין רעה נישט געטון,
און אי אַ טובֿה יענעם.

שיכּורימלעך דריַי

געזעסן שיכּורימלעך דריַי אין אַ קרעטשמע,
געזעסן שיכּורמילעך דריַי.
די פּיס, ס'זאָל נישט אויסגערעדט זיַין, צעפּלאָכטן,
די צינגער — שווער ווי בליַי.
מע רירט נישט קיינער קיין בראָנפֿן אָן,
נאָר איטלעכנס נאָז — ווי דער קאַם פֿון אַ
האָן.

זאָגט איינער: „מיַין ליפּ רירט נישט אָן קיין בראָנפֿן —
ווי קען איך זשע שיכּור זיַין?
אָט זעט, ווי איך גיס אַריַין דאָס פֿלעשל
מיר גליַיך אין האַלדז אַריַין".
מע רירט נישט קיינער אַאַז"וו

זאָגט איינער: „אויך איך ריר נישט אָן קיין בראָנפֿן,
נאָר שיכּור ווער איך אַזוי:
איך צי פֿונעם אָנגעגאָסענעם גלעזל
דעם בראָנפֿן דורך אַ שטרוי".
מע רירט נישט קיינער אַז"וו.

זאָגט איינער: אויך איך ריר נישט אָן קיין בראָנפֿן,
דער חשק מעג זײַן ווי גרויס —
איך בראָק אַרײַן אינעם בראָנפֿן חלה,
און מײַן לעפֿל ליידיקט עס אויס."
מע רירט נישט קיינער אַז"וו

אין דרויסן הייבט באַלד אָן צו טאָגן,
מע הערט דעם קריי פֿון אַ האָן,
און דרײַ שיכּורימלעך זיצן אין קרעטשמע
און רירן קיין בראָנפֿן נישט אָן.
מע רירט נישט קיינער אַז"וו

פֿאַר צרות

פֿאַר צרות רעד איך אין גראַמען —
סע שטילט מיר אַ ביסל די פּיַין.
סע טרעפֿט: סע גייט ווי אַ וואַסער,
דאָס הייסט: סע גיט זיך מיר איַין.

די גראַמען פֿאַלן ווי אַרבעס
פֿון לעכעריקע זעק,
זיי פֿאַלן מיט מרה־שחורה
און קיַיקלען זיך ערגעץ אַוועק.

צי דאַרף איך מיך נאָך זיי יאָגן?
אַ דאגה! אַראָפּ פֿונעם מאַרק!
זיי וויַיזן זיך אָבער ווידער
ביַי מיר אין לידערוואַרג.

ס'אַ שפּיל — ווי מע זאָגט — פֿאַרן טיַיוול.
די גראַמען פֿאַרשפּילן די פּיַין,
נאָר זיי ברענגען צוריק —
מיט געטריַישאַפֿט,
דעם אומעט אין מיר אַריַין.

ב.

דאָרט און דעמאָלט

בלאָלעכער שאָטן

אַ שאָטן פֿון אַ ליכטיקער בעריאָזע
אויף שניי, וואָס ערשט געפֿאַלן אין אַ וואַלד —
איז דאָ אין מיר און בלאָלעכט דייַן געשטאַלט.

אַרום איז שטיל, דער שאָטן איז נאָך שטילער,
דאָרט ליכטיקט מיט דער בלאָלעכדיקסטער טינט
און ס'האַלט דעם אָטעם אייַן דער שטילסטער ווינט.

אַרום איז בלאָלעך, בלאָלעכער — דער שאָטן.
אים אָפּצומעקן פּרוּווט זיך קיינער נישט,
און אויכעט נישט אַהין מייַן בענקעניש.

איך ווייס נישט ווו דו ביסט איצט, נאָר איך זע דיך
אין מיר, אין בלאָלעכדיקן שאָטן דאָרט,
ווי אין אַ הייליק, אָפּגעזונדערט אָרט.

אַ וויגע האָט צעפּליקט די שיפּלעך מייַנע,
דעם שאָטן דייַנעם רירט נישט אָן קיין ווינט —
ער בלאָלעכט אין מיר ווי אַ שטילע אינד.

אין טאָל

איך האָב געפֿרעגט:
וועל איך אַ מאָל זען איר קבֿר־שטיין?
האָט עמעצער געענטפֿערט: ניין.
און די בערג האָבן נאָכגעזאָגט:
ניין, ניין.

האָב איך געפֿרעגט:
צי שטייט אַ מצבֿה אויף איר געביין?
האָט עמעצער געענטפֿערט: ניין.
און די בערג האָבן נאָכגעזאָגט:
ניין, ניין.

האָב איך געפֿרעגט:
איז דאָס אָרט פֿאַרצאַמט, פֿון פֿאַרשוועכונג ריין?
האָט עמעצער געענטפֿערט: ניין.
און די בערג האָבן נאָכגעזאָגט:
ניין, ניין.

האָב איך געפֿרעגט:
וועט זיך שטילן אַ מאָל אין מיר איר געוויין?
האָט עמעצער געענטפֿערט: ניין.
און די בערג האָבן נאָכגעזאָגט:
ניין, ניין.

האָב איך געפֿרעגט:
נישט חלומען מער אַהין צו דערגייין?
האָט עמעצער געענטפֿערט: ניין.
און די בערג האָבן נאָכגעזאָגט:
ניין, ניין.

לבֿנה־נאַכט אין מײַן אויסגעהרגעט שטעטל

ווו דער וועג שנײַדט זיך איבער, דאָרט ליגן זיי אַלע.
לבֿנה־ליכט ליגט אויפֿן קבֿר ווי קאַלעך.

ווו וועג לאָזט זיך אויס, ליגט מײַן שטעטל צעריסן.
צעהאַקטע חתונות, שטאַרע בריתן.

חצות. אַ פּרײַכן, אַ שווערס, דערהערט מען.
פֿאַרשטיקטע שאָרכן. ס'נעמט רירן די ערד זיך.

די ערד גיט אַ ציטער: וואָס נאָך קען זיך טרעפֿן?...
אַ זיפֿץ פֿון דער טיף זאָגט איר: עפֿן זיך, עפֿן.

אַ האַנט הייבט זיך אויף, מיט אַ ברעג פֿון אַן אַרבל —
אַן אָפּגעהאַקט אבֿר, וואָס וויל נישט שטאַרבן.

אַ ווינטל בלאָזט אויף אַ גלעזערן פֿלייטל.
די שניטן הייבן ווידער אָן וויי טון.

סע ווײַזן זיך קינדערשע נאַקעטע קעפּלעך,
און ס׳הערן זיך גלעזערנע לעפֿעלעך, קלעפּלעך.

מע הערט אַ געצי פֿון אַ גלעזערנעם פֿידל,
אַ גלעזערן פֿלייטל באַלייט עס, אַ מידלעכס.

אַ צווײַגל, אַן אָפּגעדאַרטס, טאַנצט אויף אַ פֿײַקל,
נאָר מ׳הערט נישט קיין קול און מע הערט נישט קיין
בײַ־קול

סע ווײַזן זיך טעכטער טראָגעדיקע,
די ליכטיקע לײַבער צעהאַקטע אויף שטיקער.

סע ווײַזט זיך אַ חתן, סע ווײַזט זיך די כּלה,
און ס׳פֿאַלט פֿון די שטערן אַ חופּה־טלית.

סע נידערט אַראָפּ פֿון דער הייך די לבֿנה —
נאָר ניין, מע זעט נישט קיין לײַב און קיין פּנים.

צעפֿליִען זיך ווינטלעך, ווי לאָזן צו וויסן:
צעהאַקטע חתונות, שטאַרע בריתן.

אַ ווינטל קומט, פֿון אַ מוהל־מעסער. דינער
מע קען פֿונעם קינד נישט קיין אבֿר געפֿינען.

סע ענטפֿערט קיין ווינטל נישט אַלץ נעמט שווינדן.
די ערד זאַמלט אײַן צוריק אירע קינדער.

ס׳איז שטילער פֿון שטיל. די נאַכט ט׳זיך געזעגנט.
דער טאָג גייט באַלד אויף. פֿאַר וועמעס וועגן?

די "באַבע דאָקיע"

די באַבע דאָקיע גייט אַרום,
מע דאַרף זיך פֿאַר איר שרעקן.
זי האָט אַ שפּיצעכיקן האָרב,
און לאָמעט אויף אַ שטעקן.

די באַבע־דאָקיע גייט אַרום,
מע דאַרף פֿאַר איר אַנטלויפֿן.
אַ מאַמע גייט — און טוליעט שטאַרק
דאָס ציטעריקע עופֿל.

די מאַמע גייט נישט, נאָר זי לויפֿט,
די באַבע־דאָקיע יאָגט זי.
די באַבע־דאָקיע טאָר נישט זען
מיט וואָס די מאַמע טראָגט זיך.

ווײַל דווקא קינדער האָט זי ליב
צו דושען און צו וואַרגן.
זי גנבֿעט זיך אַרײַן אין שטוב —
דעם אָטעם זיי צו קאַרגן.

דערזעט זי ווי אַ מאַמע גייט
און טראָגט מיט זיך אַן עופֿל —
דעריאָגט זי זי מכשפֿהדיק,
דעם וועג איר צו פֿאַרלויפֿן.

אין מיטן לאָמען ווערט זי מיד,
און הייבט אָן פּליִען־שווימען —
דער שניי צעפּליט זיך אונטער איר,
מיט רויטלעכקייט צעגלימערט.

די מאַמע לויפֿט און פֿאַלט נישט שיר —
אוי־ווײ, דאָס קינד פֿאַרקײַכט זיך.
דער באַבע־דאָקיעס אָטעמקעלט
איז שוין בײַם קינד אין בײַכל.

די מאַמע ציטערט: ווײ איז מיר —
די וויסטע דאָקיע־באַבע
זאָל נישט דאָס קראַנקע עופּעלע
פֿאַרנאַרן אין די לאַבעס.

די מאַמע פֿילט נישט אירע טריט,
זי גייט אַזש הינטערווײַלעכץ —
די באַבע־דאָקיע בלאָזט אויף איר
מיט זיבן קאַלטע מײַלער.

„נו, דאַנקען גאָט, מ׳איז שוין אין שטוב.
דאָ יאָגט אונדז שוין נישט קיינער”.
זי לייגט אַרײַן דאָס קינד אין וויג
און קוקט זיך אײַן — פֿאַרשטיינערט...

קוקי וואַטלמאַכער

פֿון ערגעץ ווײַט, אַ מהלך־רבֿ
אין מײַלן און אין יאָרן,
באַווײַזט ער זיך און שפּאַנט אַרײַן
אין טאָל פֿון מײַן זכּרון

ער איז נאָך שיין ווי דעמאָלט אָ —
ער קוקט אויף מיר פֿאַרשטיינערט.
ר׳האָט אין אַ שלאַכט אַרום בערלין
געלייגט דעם קאָפּ, דעם שיינעם.

פֿאַראַנען וווּ אַ שווערער גזר:
אַ מת פֿאַרגעסן מוז מען...
ער קומט, ווי איך האָב אים געקענט,
און דאָס איז נישט קיין גוזמא.

די ליפּן, די פּולבלוטיקע,
די שטאַרקע באַקנביינער —
ר׳האָט אין אַ שלאַכט אַרום בערלין
געלייגט דעם קאָפּ, דעם שיינעם.

ווי שיין דאַרף זײַן אַ שיינער מאַן?
ווי יוסף פֿונעם חומש.
״אַ סאָסנע בײַ אַ שעפּסנקוואַל״ —
אַזוי רופֿט אים מײַן אומה.

ר׳האָט אין אַ שלאַכט אַרום בערלין
געלייגט דעם קאָפּ, דעם שיינעם.
איז גאָט געשטאַנען בײַ זײַן טויט,
און ווייסט, וווּ זײַן געביין איז?

ג.

פֿון טאַטע־מאַמעס רייד

פֿון טאַטע — מאַמעס רייד

(דבֿ סדנען)

[אָ, גאָטעכע פֿון דיכטונג,
איך בעט דיך: זײַ מיר מוחל —
איך פֿאָר אַריין אין דײַנע היכלען הויכע
מיט פּראָזערייד, מיט אומגעריכטע.]

די מאַמע, עליה־השלום, פֿלעג האָבן אין לשון, אין
אירן,
רמזימלעך מאָדנע און גוטע, און קנייטשעלעך דינע,
געטרײַע,
און חן־גריבלעך, וואָס ס׳האָט געגלוסט זיך נישט
אָפּרײַסן פֿון זיי די אויגן
זי פֿלעג אויך ניצן געגראַמטע ווערטלעך, וואָס איך
האָב מיט גאַפֿונג
איר נאָכגעשעפּטשעט, טאַקע נאָר ווי אַ תּפֿילה־
בלחש.
איך רעד דאָ נישט פֿון די אָן אַ שיעור ווערטלעך און
מעשׂהלעך אירע,
וואָס שוויבלען אין מיר און פֿליִען אַרום, ווי
פֿלאַטערלעך ווײַסע.

איר אייגנס? ניין, אָבער טייל דערפֿון ט'זי געהאָלפֿן
באַשאַפֿן,
געהאָלפֿן אין דער יצירה, נישט וויסנדיק אַפֿילו —
געשעפּט פֿון היימישע, אַלטע קוואַלן, און צוגעגאָסן
פֿון אייגענעם האַרצקוואַל. די שפּראַכלאָנקע אירע, די
סײַ ווי געשמאַקע,
געוועזן איז באַקווייטלט, און ס'האָבן דאָרט ליכטיקע
אומגעפֿלאַטערט
משיח־פֿערדלעך און כּלערליי גאָטס באַשעפֿענישן,
דערונטער "דאָקטערלעך", וואָס היילן אַ וווּנד אויף אַ
פֿינגער...

אַזוי, מסתּמא, אַלע מאַמעס, די אָפּגעשיידטע —
פֿאַרפֿרײַלעכט דערמיט אַ ביסל די אָרעמלעכע
היימען —
מיט ייִדישע לשון־קווייטן די מרה־שחורה געטריבן.

אַזוי אויך דער טאַטע ז"ל, אָבער פֿאָרט אַ ביסל
אַנדערש —
גאָר אָפֿט מיט אַ פּסוק תּנ"ך און מיט שיינע חז"לישע
ווערטלעך.
מיט שפּאָרעוודיק לשון אויך ערנסט געניצט אַ מאָל אַ
הלצה,
נאָר נישט אויף סתּם, חלילה, נאָר עפּעס דערמיט צו
לערנען,
צו לערנען די שטוב מיט קינדער אי ייִדישקייט און אי
מוסר.
("מ'האָט הײַנט געפּויקט אין גאַס: מע זאָל בענטשן
ברכת־המזון...")

און טאָמער פֿאַרגעסט אַ קינד פֿאַר אַן עסן אַ ברכה צו
מאַכן,
איז זאָגט ער, שוין בייזלעך: "אַ גוי אַפֿילו צלמט זיך
אויבעט..."

און אָט — אַ פּאָר דוגמות, אַ טייל פֿונעם טייל, וואָס
מיר פֿאַרגעדענקט זיך,
אָט עטלעכענע זאַגגען פֿון אַ סנאָפּ מיט תּבואה.
איך האָב דער מאַמעס רייד אַראָפּגעקושט,
פֿאַרשיכורט,
פֿון אירע פֿולע וואַרעמע און שיינע ליפּן,
און אויך דעם טאַטנס רייד מיר זאַפּטיקן די ליפּן.
מיך לאָבט אַלץ ביידנס אַרב און היט מיך אָפּ פון
אַלטקייט.

פֿון טייל פֿון אָט די רייד פֿאַרמאָג איך נישט קיין פּירוש.
אַ פּירוש מוז דאָך אָבער ערגעץ זײַן פֿאַראַנען.
נו, ווער מען דאַרפֿן טון אַ פֿרעג בײַ דב סדנען.

(פֿונעם טאַטנס רייד:)
הויכע געדאַנקען — מע דאַרף צו זיי האָבן אַ לייטער...
סע קומט אים מיטן דין — מיטן לאַדין אין קאָפּ אַרײַן.
(אַז ס'איז געקומען צו די האָלישקעס): כ'האָב פֿײַנט די
תּכריכים, כ'האָב ליב די מתים...
אים קען מען מיט דער האַנט נישט אָוועקמאַכן — מע
דאַרף צון אים האָבן אַ קאָטשערע.
זײַן ווײַב איז אַ גרויסע משומ... מלומדת...

נאָך אַ חופּה פּלעג ער צוגיין צום יונגן פּאָרפּאָלק און זיי אַ זאָג געבן אין איין אָטעם, דער עיקר דעם יונגן־מאַן: "נו, איר האָט שוין מיט מזל חתונה געהאַט, און איר׳ט מירטשעם האָבן קינדער און זיי חתונה מאַכן — נעמט איר די אַלטיטשקע און איר הייבט זיך אויף און איר פֿאָרט אַוועק קיין ארץ־ישׂראל — און וואָס פֿעלט אייַך?...

אַז מע גייט שלאָפֿן הונגעריק, גייט די נשמה אַרום צווישן די טעפּ זוכן עפּעס עסן, קען זי נאָך אַראָפּוואַרפֿן אַ טאָפּ און אים צעברעכן...

נישט: איך האַבע די עהרע (— אַ דייַטשע באַגריסונג —), נאָר: איך האַבע די יערע (ד״ה יראה, יראת־שמים).

ווער ס׳איז נישט קיין מבֿין אויף אמתע פּערל, קוויקט זיך מיט גלעזערנע.

מע דאַרף אים נישט אַרייַנלייגן קיין פֿינגער אין מויל — ער׳ט אים נאָך אָפּבייַסן.

דער קאָפּ טוט דיר וויי? אַ כּפּרה דער קאָפּ, אַבי דו ביסט געזונט.

(פֿון דער מאַמעס רייד:)

ווילסט נישט? וועסטו עסן אומגעוועלט (— מילעך וועלט מען, מע קאָכט זי איבער.)

וואָס איילסטו דיך אַזוי — האָסט מורא, וועסט נישט אייַנפֿאָרן?

וועסט וועלן אַלץ וויסן, וועסטו צו גיך אַלט ווערן.

וואַרף עס אַרויס אויף אַ ריין אָרט.

האָסט דיך דערשראָקן? שפּייַ דיר אַרייַן אין בוזעם.

ביז זי ריכט זיך אויס, איז שוין דער בעטלער אין צענטן
דאָרף.
ער בענקט — פֿון איין באַנק אויף דער אַנדערער.
היינט זענען **מיר** ביי די גויים אין גלות, נעמען **זיי** ביי
אונדז שבת אַראָפּ די לייַכטערס פֿונעם טיש
און הייצן ביי אונדז איין דעם אויוון, און מיר
גיבן זיי דערפֿאַר אַ גלעזל בראָנפֿן מיט אַ
שטיקל חלה. אָבער אַז משיח וועט קומען,
וועלן די גויים זיין ביי **אונדז** אין גלות, וועלן
מיר ביי **זיי** שבת אַראָפּנעמען די לייַכטערס
פֿונעם טיש און איינהייצן ביי זיי דעם
אויוון, וועלן זיי **אונדז** דערפֿאַר געבן אַ גלעזל
בראָנפֿן מיט אַ שטיקל חלה...
ס׳איז ריין גאָלד — ריין פֿון גאָלד... ס׳איז געלעגן לעבן
גאָלד...
אין דרויסן איז אַ גליטש וועט ווערן ביליק
זאָדיקפֿלייש (— מ׳עט זיך אויסגליטשן און פֿאַלן
אויפֿן "גראָבן פֿלייש", וועט פֿלייש פֿאַלן אין
פּרייז...)
דאָס געקעכץ פֿילט זיך — נאָך נאָך...
ער מעג נעמען אַ שטיק האָלץ און זיך עס אַרויסשלאָגן
פֿונעם קאָפּ...
מיט צוויי שטיקלעך האָלץ שלאָגן זיי זיך דורך אַ גאַנצן
ווינטער...
אפֿשר האָט איר דאָ ערגעץ געזען אַ ווייַסע הון, גוט
שבת אייַך, אָן אַ וויידל?...
קענסט עס נישט געפֿינען? כ׳האָב געזען ווי צוויי הינט
האָבן זיך געריסן דעריבער...

שלאָף, שלאָף — ס׳עט דורכפֿאָרן אַ וואָגן, וועסטו דיך
אויפֿכאַפּן (— פֿונעם שלאָף כאַפּט מען זיך
אויף, און אויף אַ וואָגן כאַפּט מען זיך
אַ[ר]ויף).
זע נאָר, ווער סע גייט! עפּעס האָט געמוזט פּגרן אין
וואַלד.
די וועלט איז גרויס — און כ׳האָב מיך נישט ווו
אַהינצוטון.
וואָס ס׳האָט זיך דיר געחלומט צווישן די קלייטן, זאָל
אויסגיין צווישן די געוועלבן. (אַזוי פֿלעג זי,
אין אַ געלעכטער, פּותר זײַן און אויסלייגן צו
גוטן אַ קינדס אַ חלום.)
אויף דײַן חתונה וועל איך דיר דערפֿאַר אַקעגנטראָגן
ווײַן — אין אַ רעשעטע...
אַז מ׳עסט דאָס אַכציק יאָר, איז מען באַוואָרנט פֿאַר אַ
יונגן טויט...
ביסט אין כּעס? צעבײַס אַ פֿלוי.
ווילסט עס טאַקע? מאַך מיט די ליפּן.
ער האָט אַ מאָגן ווי אַ קליין קינד (— דער מאָגן איז בײַ
אים אַזוי גרויס, ווי אַ קליין קינד).
פֿרייסט דיך, וואָס די מאַמע האָט דיך געהאַט? וואָס
וואָלסטו געטון, ווען ס׳האָט דיך אַ פֿרעמדע
ייִדענע?...
האָסט מורא? לייען קריאת־שמע.
ווילסט מילער? מ׳עט אויסמעלקן דעם צאַפּ.
ער איז איין מענטש אַליין (— זייער פֿאַרנומען), און
פּישן דאַרף ער אויכעט גיין.

מע דאַרף אַלע משוגענע אויסשטרייַכן, און דיך
אַרייַנשטעלן.
(אויף אַ נאַר:) ער איז געשלאָפֿן אויפֿגעדעקט (— האָט
ביי אים אויסגעוועפּט דער שׂכל).
אַלע סימנים זענען אונטערגעגאַנגען, נאָר איין סימן
איז געבליבן: סימן דלות.

ווילסט סמעטענע? מ׳עט אָפּהייבן דעם גלח (— אַ מת
הייבט מען אָפּ, און סמעטענע הייבט מען אָפּ
פון דער זויערמילעך).
(אויף אַ דאַרן:) ער עסט און ס׳עסט **אים**.
ער איז אַ קליינער עסער: ער עסט מיט אַ קליין
לעפֿעלע.
ווילסט פּוטער? מ׳עט אויסשלאָגן — די פֿענצטער...
מע דאַרף איר אויסקושן איטלעכן פֿינגער — און אים
איבערברעכן...
פּרנסה איז דאָ אין סידור (אין ראש־חודש־בענטשן).
ער עסט ווי אַ קליין פֿייגעלע — ביז ס׳עסט זיך אָן...
כ׳על דיר קיין מאָל נישט פֿאַרלייקענען — און
אייביק נישט אָפּגעבן...
ווילסט פֿלייש? כאַפּ דיך אָן (— ביים הינטן).
פֿאָרסט? רוק דיך אַרויף (— זאָלסט נישט אַראָפּפֿאַלן
פֿונעם וואָגן).
פֿאָרסט אַוועק? כ׳על מיך וואַרפֿן פֿאַר די פֿערד און
שרייַען: וויאָ!...
ווו נעמט מען אַזאַ פֿערד־און־וואָגן, איך זאָל קענען
די יונגע יאָרן דעריאָגן?
דער פֿראָסט האָט געלאָזט? אונטער דער **נאָז** האָט
געלאָזט (— סע קאַפּעט פֿון דער נאָז).

גייסט אַוועק? וועל איך אויסגיסן דעם צובער. (אַז אַ
מענטש **גייט אַוועק** פֿון
דער וועלט און מע נעמט אַרויס דאָס מת פֿון
דער שטוב, דאַרף מען אַרויסגיסן דעם צובער
מיט וואַסער, ווײַל דער מלאך־המוות האָט דערין
אָפּגעוואַשן דעם חלף...)
אַז מ׳האָט קאָפּווייטיק, זאָל מען זיך צולייגן פֿעדערן
צום קאָפּ (ד״ה זיך צושפּאַרן, אויף אַ קישעלע
מיט פֿעדערן).
דאָ — (קלאַפּנדיק אויפֿן **קאַרק**) — וויפֿל מע קלאַפּט,
איז אַלץ **קאַרג**...
ער, אַז ער קומט ערגעץ אַרײַן, לאָזט מען אַלצדינג שטיין
— און מע וואַרפֿט אים אַרויס...
דיר עפּעס קויפֿן? דער קויפֿער האָט זיך געשמדט.
(קויפֿער — כופר — משומד).
פֿון וואַנען ווייסטו — האָסט געהערט קלינגען אין
קלויסטער?
אַפֿילו אַ קרומער קען זיך צון אים נישט גלײַכן...
איך דאַרף דעם קרעבץ פֿאַר מײַנעט וועגן.
ס׳איז דאָ מער קרעטשמעס ווי טרינקערס.
וואַרפֿט אים אַרויס, איך קען פֿון רחמנות אין זיין פּנים
נישט קוקן...
האָסט רעכט? מאַך זשע דיר אַ קרעטשמע (אויף צו
עפֿענען זיך אַ קרעטשמע דאַרף מען האָבן אַ
רעכט, אַ פּריווילעגיע).
אַ שאָקל מיטן קאָקל (קאָפּ).

אַ שטומער וואָלט עס אַפֿילו אין דרײַ יאָר נישט
געקענט אַרויסרעדן...
ער שײַנט און רוט זיך אָפּ, און שײַנט ווײַטער...
(אויף אַ שיכּור:) ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ
טרוקענעם טאָג...
וואָס קאָכט איר? שימות אין זיסן און זויערן.
דיר עפּעס שענקען? דער שענקער איז געשטאָרבן.
(שענקער — דער, וואָס שענקט און אויך דער
באַלעבאָס פֿון דער שענק).
וואַרף עס אַרויס אויף צוויי שפּענדלעך (— ווי עפּעס אַ
מיאוסע זאַך).

צוויי פֿון די לידער, וואָס די מאַמע ע"ה פֿלעג זינגען

(וועגן אַ כּלה, וואָס איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן אין טאָג פֿון
דער חופּה)
"אַלטער זיידע, לאָ'מיך לעבן
פֿון מײַן פֿאָטער און מוטערס וועגן.
בײַ פֿאָטער און מוטער בין איך ליב,
זיי גיבן פֿאַר מיר אַ גילדענע שטיב (שטוב)".

"גאָלד און זילבער לאָזט מען שטיין,
און אַז מע רופֿט, מוז מען גיין".

"אַלטער זיידע, לאָ'מיך לעבן
פֿון מייַן ברודער און שוועסטערס וועגן.
ביַי ברודער און שוועסטער בין איך ליב,
זיי גיבן פֿאַר מיר אַ קינד אין דער וויג".

"אַ קינד אין דער וויג לאָזט זיך וויגן,
און אַז איך דאַרף, קען איך קריגן".

זענען פֿאָטער און מוטער אַריַינגעקומען צון איר:
"טאָכטער לעבן, וואָס איז מיט דיר?
היַינט איז ביַי דיר דער טאָג פֿון באַדעקן און באַזינגען,
דאַרפֿן דאָך אַלע טאַנצן און שפּרינגען".

"לאָז זיך טאַנצן ווער סע וויל,
און איך וועל ליגן און שוויַיגן שטיל.
דער זייגער שלאָגט דאָך שוין זייער שפּעט,
און כ'האָב נאָך צו גיין אַזאַ וויַיטן וועג..."



אין מיזרח־זײַט הייבט שוין אָן טאָגן —
פֿיר מיך אָפּ אַהיים.
וואָס פֿאַר אַ תּירוץ וועל איך זאָגן
בײַ מײַן מאַמען אין דער היים?
דעם ערשטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט געאַרבעט ביז שפּעט.

דעם צווייטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט געבלאָנדזעט אין וועג.
דעם דריטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט געוועבט און געשפּונען.
דעם פֿערטן תּירוץ זאָלסטו זאָגן,
אַז דו האָסט דײַן געליבטן געפֿונען...

אין מיזרח זייט הייבט שוין אָן טאָגן



גלאָסאַר

אינד — כוואַליע

אַרב — ירושה

"באַבע דאָקיע" — די צײַט סוף ווינטער, ווען סע פֿלעגן אַרומגיין אין שטעטל שלאַפֿקייטן און אונטערגאַנגען

בלחש (בעלאַכאַש) — שטילערהייט

האָנער — כּבֿוד

השקיפֿה — קוק אַראָפּ

והיה (וועהאָיאָ) — און סע וועט זײַן

זוויגען — טראָגן אַ שווערע משׂא

יוֹתור (יוֹטער) — אַ שטיקל סחורה, וואָס בלײַבט איבער בײַם שנײַדער, נאָכן גענײ

לאָבן — קוויקן

לאַדין — אַ שמאָל האַלדזיקער טאָפּ אויף אויפֿצושטעלן מילעך

מווערקעפּל — Seashell

מרבה־תּפֿילה זײַן — דאַווענען אַ סך

נהורא מעליא (נעהוירע מאַליע) — אייבערש, איבערערדיש ליכט

●

תוכן:

"אויפֿן הימל זע איך שטערנדלעך..."

איך דאַוון 7
כ'וואָלט געדאַרפֿט געבוירן ווערן 8
קאַנאַריקלעך 9
איך לאָז איבער 10
אַ מעשׂה שהיה 11
"אויפֿן הימל זע איך שטערנדלעך..." 12
כ'האָב אַ מאָל געזען אַ בלימל 14
אַ פֿרעגעניש 15
שוואַנען 18
אַ פּערל 19
אַלע שטערן זענען דאָ 22
די אוצרות מיינע 23
ווי אין אַ ליכטיקן ברונעם 25
דאָס אות 26
בײַם טייכל 27
אפֿשר 29
דאָס ליד נישט פֿאַרענדיקט 31
דער קאַטערינטשיק איז שוין מיד 34
אַ קראַנקע שוואַלב 35
קאָשמאַר 36
והיה 37
סע גיט זיך אויס אַ מאָל אַ טאָג 38
אָנגעווירן 39
נישט טרעט מיט העזה 40
לידער 41

תוכן:

בין איך, הייסט עס, נישט קיין נאַר 42
פֿלאַטער־רעגן 46
נהורא מעליא 47
פֿאַזע טײַך 48
זיך בוקן 50
פֿאַרשמיר דיר נישט דאָס פּנים 51
עפּיטאַף 53
זײַן קבֿר 54
אויפֿן אַלטן שטייגער 55
קאַטאָוועסל 57
שיכּורימלעך דרײַ 58
פּאָר צרות 60

דאָרט און דעמאָלט

בלאָלעבער שאָטן 63
אין טאָל 64
לבֿנה־נאַכט אין מײַן אויסגעהרגעט שטעטל 65
"די באַבע דאָקיע" 67
קוקי וואַטלמאַכער 69

פֿון טאַטע־מאַמעס רייד

פֿון טאַטע־מאַמעס רייד 73
צוויי פֿון די לידער, וואָס די מאַמע ע"ה פֿלעג זינגען 81